**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 17.3 מיליאן דאלער פאר אונטערשטיצונג האוזינג פראיעקטן און עמערדזשענסי שוץ-ארט פארריכטונגען

***סטעיט פינאנצירונג וועט שאפן 120 יוניטס פון קביעות׳דיגע און עמערדזשענסי האָוזינג פאר געוועזענע היימלאזע ניו יארקער***

***היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם א טייל פון דער גאווערנער׳ס נייע 25 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע האָוזינג פלאן אונטערצוהייבן האָוזינג סטאביליטעט פאר ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז 17.3 מיליאן דאלער אין סטעיט געלטער זענען אויסגעטיילט געווארן צו זעקס פראיעקטן אין פיר קאונטיס וועלכע וועלן באזארגן פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג פאר ניו יארקער וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט. די פראיעקטן, געשטיצט דורך די סטעיט׳ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, רעכענען אריין עמערדזשענסי שוץ-ארט פארריכטונגען און אנטוויקלונגען וועלכע וועלן שאפן נאך 120 יוניטס פון פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג צו סערווירן וועטעראנען, איבערלעבער פון שטוב געוואלדטאטן, מענטשן מיט סובסטאנץ באניץ אומארדענונג און די וואס ליידן פון ערנסטע גייסטישע קרענק.

״צו אפט ליידן ניו יארקער מיט היימלאזיגקייט אדער האוזינג אומסטאביליטעט פון אן אונטערליגענדן צושטאנד, ווי צ.ב.ש. סובסטאנץ באניץ אומארדענונגען אדער ערנסטע גייסטישע קרענק,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דורך צושטעלן סטעיט פינאנצירונג פאר פראיעקטן וועלכע טוען צוזאמפּאָרן צוגענגליכע האוזינג מיט אונטערהאלט סערוויסעס, ארבעט ניו יארק צו אדרעסירן די הויפט סיבות וועלכע טוען פאראורזאכן אדער ביישטייערן צו היימלאזיגקייט און אנהויבן אוועקצושטעלן די מענטשן און זייערע פאמיליעס אויפ׳ן וועג צו לאנג-טערמיניגע האָוזינג סטאביליטעט.״

דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, וועלכס ווערט אדמיניסטרירט דורך דער סטעיט אפיס פון ציטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, איז א וויכטיגער שטאנדטייל פון גאווערנער האקול׳ס [ברייט-ארומנעמיגע פלענער] צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג און סטאביל לענגאויס ניו יארק. דאס נעמט אריין א נייע 25 ביליאן דאלערדיגע האָוזינג פלאן וואס וועט שאפן און אפהיטן נאך 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען אין אינער-שטאטישע און מער דארפישע ערטער לענגאויס דעם סטעיט, אריינגערעכנט 10,000 יוניטס מיט אונטערהאלט סערוויסעס פאר מערסט אומבאשיצט באפעלקערונג.

דער פינאנץ-יאר 2023 עקזעקיוטיוו בודזשעט זעצט פאר ווייטער 128 מיליאן דאלער אין קאפיטאל פינאנצירונג פאר דעם פראגראם צו בויען נייע אונטערהאלטנדע דירות אדער פארריכטן עקזיסטירנדע עמערדזשענסי שוץ-ערטער. אין דעם יעצטיגן פינאנצירונג רונדע האט דער פראגראם אלאקירט באלד 83.7 מיליאן דאלער וואס וועט שאפן 618 יוניטס פון אונטערהאלט האוזינג, 14 יוניטס פון טראנזיציאנעלע האָוזינג און 67 יוניטס פון עמערדזשענסי האָוזינג.

די פראיעקטן היינט אויסגעטיילט פינאנצירונג אריינגערעכנט:

- **׳יונייטעד וועטעראנס ביעקאן האָוס אינק.׳** איז צוגעטיילט געווארן 2.6 מיליאן דאלער צו בויען פערמאנענטע אונטערהאלט האוזינג פאר א פאמיליע וואו דער ראש המשפחה איז א וועטעראן און אפצוהיטן צוויי עמערדזשענסי שוץ-ערטער פאר איינצעלנע היימלאזע ערוואקסענע אין דעם סופאלק קאונטי שטעטל איסט פּעטשאָוג.

- **׳טשאטאקווא אפארטוניטיס אינק.׳** איז צוגעטיילט געווארן 2.49 מיליאן דאלער צו רעהאביליטירן א דריי-שטאקיגע געביידע אויף 12 יוניטס פון אונטערהאלט האוזינג און אן 18-בעטיגע עמערדזשענסי שוץ-ארט צו סערווירן היימלאזע פרויען איבער די 18 יאר אין דער טשאטאקווא קאונטי שטאט דזשעימסטאון.

- **׳בעריער פרי ליווינג אינק.׳** איז צוגעטיילט געווארן 6 מיליאן דאלער צו בויען א 13-שטאקיגע געביידע מיט 44 יוניטס פון קביעות׳דיגע אונטערהאלט האוזינג וועלכע וועלן זיין א שטאנדטייל פון א גרעסערע 75-יוניט פראיעקט מיט 30 יוניטס אוועקגעשטעלט פאר שוואכע עלטערע מענטשן אין מאנהעטען.

- **׳קעטאָליק טשעריטיס אוו אנאנדאגא קאונטי׳** איז צוגעטיילט געווארן 5.94 מיליאן דאלער צו באדייטנד רעהאביליטירן אן עקזיסטירנדע קאמערציעלע געביידע און אפהיטן 80 בעטן פון עמערדזשענסי האָוזינג וועלכס מוז זיך אריבערציען ערגעץ אנדערש צוליב א גרויסע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקט אין סירעקיוס.

אין צוגאב, אין ׳פענעיטס אינק.׳ צוגעטיילט געווארן 100,000 דאלער אין שוץ-ארט פארריכטונג געלטער צו אויפריכטן א צוויי-שטאקיגע הויז און אפהיטן 17 בעטן פון עמערדזשענסי האָוזינג פאר היימלאזע פאמיליעס אין דעם סופאלק קאונטי שטעטל פון בּעי שאָר. דער קאמפאני האט אויסגעטיילט נאך 100,000 דאלער אויסצופירן שוץ-ארט פארריכטונגען ביי א באזונדערע צוויי-שטאקיגע, 17-בעטיגע הויז ערגעץ אנדערש אין בעי-שאָר.

פאראיאר האט דער פראגראם צוגעשטעלט געלטער פאר 30 פראיעקטן וואס וועלן צוגעבן 881 אונטערשטיצנדע האוזינג דירות און פאררריכטן עמערדזשענסי שוץ-ערטער לענגאויס דעם סטעיט.

**OTDA אמטירנדע קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״קביעות׳דיגע אונטערהאלט האוזינג איז קריטיש-וויכטיגע שטאנדטייל פון אונזער באמיאונג צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו א זיכערע און צוגענגליכע ארט צו רופן זייער היים — איבערהויפט די וועלכע זענען די מערסט באדערפטיג. די פראיעקטן, ווי פילע אנדערע פינאנצירט דורכאויס דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, שטעלן צוזאם צוגענגליכע האוזינג מיט די אונטערהאלט סערוויסעס וואס געוויסע פאמיליעס און יחידים ברויכן האבן אויף צו בעסער פארזיכערן זייערע האוזינג סטאביליטעט און די מעגליכקייט צו פולשטענדיג לעבן אין זייערע קאמיוניטיס. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול׳ס אמביציעזע פינף-יעריגע האוזינג פלאן און איר אנגייענדע פאקוס אויף ניו יארקער מיט די גרעסטע נויט פאר הילף און שטיצע.״

**׳יונייטעד וועטעראנס ביעקאן האָוס אינק. פרעזידענט און טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פרענק אמאלפיטאנא האט געזאגט,** ״מיר קענען זיך אויסדרייען דעם רוקן צו די מענער און פרויען וועלכע האבן געדינט מיט עהרע אין אונזער לאנד׳ס ארמיי סערוויסעס — און באזונדערס נישט אין זייער צייט פון נויט. דער ׳יונייטעד וועטעראנס ביעקאן האָוס׳ וועט העלפן פאמיליעס אין סופאלק קאונטי צו באקומען די שטיצע און סטאביליטעט אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן צו ברעכן דעם רעדל פון היימלאזיגקייט. דורך דער היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם צייגט ווייטער גאווערנער האוקול איר אומוואקלדיגע

אנטשלאסנקייט צו העלפן די ניו יארקער וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט צו גרייכן אנגעהאלטענע האוזינג סטאביליטעט און א ליכטיגערע צוקונפט.״

**טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פון טשאטאקווא אפארטוניטיס אינק. דייענע יוווויט-דזשאנסאן האט געזאגט,** ״טשאטאקווא אפארטוניטיס אינק. וויל דאנקען דעם היימלאזע האוזינג הילף קארפארעישען און דער שטאט דזשעימסטאון פאר זיך אנשליסן מיט אונז אויף דעם טשאטאקווא פרויען׳ס שעלטער פראיעקט. דורך צושטעלן עמערדזשענסי האָוזינג און אונטערהאלט סערוויסעס, וועט דער 18-בעטיגע שוץ-ארט אנבאטן א זיכערע און אויפפאסנדע סביבה פאר פרויען אזוי ווי זיי פירן זיך אריבער פון היימלאזיגקייט אויף צו וואוינען זעלבסטשטענדיג. דער שוץ-ארט איז דער ערשט פון איר סארט אין טשאטאקווא קאונטי און מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייטן עס וועט באזארגן פאר פרויען אין אונזער קאמיוניטי.״

**פרעזידענט און CEO פון ׳בעריער פרי ליווינג אינק.׳ פאול בי. פויערסטין האט געזאגט,** ״׳בעריער פרי ליווינג׳ האט איצט געפייערט איר 40׳סטע יארטאג, האבנדיג צוגעשטעלט היימלאזע שוץ-ערטער פאר 27 יאר פאר מענטשן מיט שווערע דיסאביליטיס וועלכע וואלטן אנדערש זיך געטראפן אין נורסינג האומס, און 35 יאר צוגעשטעלט אינטערווענץ סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס וועלכע זענען אויך געליטענע פון שטוב גוואלדטאטן, די נומער איינס נושא פאר פרויען מיט דיסאביליטיס איבער׳ן גאנצן לאנד. HHAP איז געווען א וויכטיגע צוזאמענארבעטער אין אונזער ארבעט, צושטעלנדיג די קאפיטאל צו בויען דעם ערשטן גענצליך צוטריטליך עמערדזשענסי שטוב גוואלדטאט שוץ-ארט אין די פאראייניגטע שטאטן און אונז ארויסצוהעלפן אין בויען 120 יוניטס פון אונטערהאלט האוזינג פאר מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען איבערלעבער פון אינטימליכע און שטוב גוואלדטאטן. אונזער יעצטיגע אויסטיילונג איז א וויכטיגע גרייכפונקט אין אנטוויקלען 74 יוניטס פון אונטערהאלט האוזינג פאר איבערלעבער פון שטוב גוואלדטאטן און געוועזענע היימלאזע עלטערע מענטשן וועלכע גייען דורך א טראנזיציע פון נורסינג האומס.״

**׳קעטאָליק טשעריטיס פון אנאנדאגא קאונטי׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר מייקל עף. מעלארא האט געזאגט,** ״עס איז פאראן א קלארע נויט אין סירעקיוס צו פארזיכערן אז די וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט האבן א זיכערע און סטאבילע פלאץ צו רופן זייען היים. די ׳קעטאָליק טשעריטיס׳ פון אנאנדאגא קאונטי האוזינג סערוויסעס צענטער וועט באזארגן וואוינונג און אונטערהאלט סערוויסעס פאר די מערסט אויסגעשטעלטע מענטשן אין אונזער קאמיוניטי. די פינאנצירונג פון די סטעיט׳ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם איז קריטיש-וויכטיג צו איר סוקסעס און וועט ערמעגליכן פאר אונז צו ווייטער סערווירן די וועלכע נויטיגן זיך אין עמערדזשענסי שוץ-ערטער און הילף אין פארזיכערן קביעות׳דיגע האוזינג. מיר זענען דאנקבאר פאר די שטיצע וואס דער פראיעקט באקומט דורך גאווערנער האוקול, וועלכע האט געמאכט דאס אדרעסירן און רעדוצירן היימלאזיגקייט לענגאויס אונזער סטעיט א פריאריטעט פון איר אדמיניסטראציע.״

**׳פענעיטס אינק.׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעראל בערקאוויץ האט געזאגט,** ״עמערדזשענסי שוץ-ערטער זענען אפטמאל א וויכטיגע ערשטע טריט אין העלפן די וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט זיך צו שטעלן אויף א וועג צו לאנג-אנהאלטנדע האוזינג סטאביליטעט. די געלטער דורך דער סטעיט׳ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם וועלן אונז העלפן אויספירן קריטיש-וויכטיגע אפדעיטס צו די צוויי איינריכטונגען, וועלכס וועט זיי ערמעגליכן פארצוזעצן ווייטער די וויכטיגע ארבעט אין אונזערע קאמיוניטיס. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר פארזיכערן א מיר האבן די שטיצע אין וואס מיר נויטיגן זיך צו העלפן די וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט.״

דער היימלאז האוזינג און הילף פראגראם שטעלט צו קאפיטאל סובווענצן און הלוואות פאר וואוילטעטיגע און רעליגיעזע ארגאניזאציעס און מוניציפאליטעטן צו קענען איינקויפען, בויען, אדער איבערמאכן האוזינג

פאר מענטשן וואס קענען זיך נישט אליין ערלעדיגן זיכערע און נייטיגע וואוינונגען אן ספעציעלע הילף. די גרענטס ווערן געגעבן דורך א פארמעסט פראצעס דורך דעם ניו יארק סטעיט היימלאז האוזינג און הילף קארפארעישען, א פובליק וואילטעטיגע ארגאניזאציע מיט ארבעטער צוגעשטעלט דורך או-טי-די-עי.

דורך דעם פראגראם האט ניו יארק סטעיט באשטימט איבער 1.2 ביליאן דאלער פאר דאס אנטוויקלען פון אונטערהאלט האוזינג. אין סך הכל האט דער פראגראם געשאפן מער ווי 22,000 האוזינג יוניט אויף צו שטיצן מענטשן און פאמיליעס וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418